בס"ד

שבת מברכים סיון | ר"ח יום שישי | המולד ליל שישי 12:25 | 9 חלק'

שבת מברכים

# דער בלעטל טיב הקהילה אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## בחקותי
כ"ד אייר תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:04 |
| מוצש"ק | 8:23 |
| ר"ת | 8:58 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:11 | סוז"ת א' | 9:39 |
| סוזק"ש ב' | 9:03 | סוז"ת ב' | 10:14 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': פד
שנה ב'

## טיב הפרשה

# א אידישע נשמה האט אייביג א ווערד

### איש כי יפליא נדר בערכך נפשות

די וואכעדיגע פרשה ענדיגט זיך מיט די מצוה פון 'ערכין'. דער רבוש"ע זאגט פאר משה רבינו ער זאל איבערגעבן פאר כלל ישראל אז אויב א איד וויל געבן זיין אפשאצונג פאר הקב"ה דארף ער געבן כך וכך.

אין די פרשה ווערט מבואר די ווערד פון יעדן איינעם סיי פון מענער און סיי פון פרויען און אויך פון יונגערע און עלטערע ווי עס איז דער לשון הפסוק: איש כי יפליא נדר בערכך נפשות לד'. והיה ערכך הזכר מבן עשרים שנה.

ווען מען וועט זיך מתבונן זיין איבער די סמיכות פון די פרשה צו די פרשה פון די תוכחה זעט עס אויס אביסל אויפפאלענד. עס מאכט דער איינדרוק ווי דאס קומט נישט אריין גלייך נאך די תוכחה, אבער עס קען זיין אז טאקע די סמיכות איז מרמז אויף א טיפע נקודה.

ווען א מענטש וועט הערן אזעלכע שארפע שטראף רייד קען נאך געשען אז ער זאל ווערן געפאלן ביי זיך און טראכטן אז ער האט שוין פארלוירן יעדן ביסל ווערד וואס ער האט נאך ביי זיך. אויסצושליסן אזא סארט געדאנק און אויסצולערנען דעם איד אז א איד אין יעדן מצב איז ווערד און אז די תורה אנערקענט זיין ווערד, לייגט די תורה נעבן דעם די פרשה פון ערכין.

נאך א נקודה וואס מען קען זיך ארויסלערנען פון די פרשה איז, אז ביי די תורה און ביי הקב"ה האט יעדער איד א ווערד. עס מאכט נישט אויס אין וועלכער מצב ער געפינט זיך און ווי אזוי ער קוקט אויס, אלעמאל האט ער א ווערד.

עס קען זיך אמאל דוכטן פאר א מענטש אז מילא דער תלמיד חכם האט א ווערד אבער דער עם הארץ אדער דער פוסטער יונג וואס האט אפגעלעבט זיינע יארן מיט א פוסטקייט האט נישט קיין ווערד. אז מען זאל נישט קומען צו טראכטן אזוי זאגט אונז די תוה"ק אז יעדער איד האט א ווערד, עס איז נישט דא אזא זאך א ווערדלאזע איד.

די תורה מאכט טאקע א חילוק אין די עלטער, אבער ווען אלע זענען אין איין יארגאנג אדער פון די זעלבע סארט זענען אלע אייניג.

עס איז זיכער אז א איד וואס האט אויסגענוצט די יארן און זיך געשלאגן מיט דעם יצר הרע און אים באזיגט איז אן אויסגעארבעטעטער איד, אבער דאס איז נאר ווען מען רעדט בכללות, ווייל ווען עס קומט צו קוקן אויף יעדן איד פריוואט האט יעדער איד אין זיך א חלק אלקי ממעל און דאס איז חשוב אין הימל ביי יעדן איינעם גלייך.

דער יעב"ץ ברענגט אראפ אין די סדר פון ערב פסח א שילדערונג וואס עס האט געשריבן א גוי אין

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# די מצוות און זייער שכר

א קעניג האט געדינגען אסאך ארבעטער, און צווישן זיי איז געווען גאר א ספעציעלער ארבעטער וועלכער האט געארבעט אסאך מער ווי די אנדערע. א שטיק צייט שפעטער זענען אלע ארבעטער אריינגעגאנגען נעמען זייער באלוינונג פונעם קעניג, און אויך דער פלייסיג ארבעטער איז אריינגעגאנגען צוזאמען מיט זיי. ווען דער קעניג האט אים געזען, האט ער געזאגט: מיט דיר וועל איך זיך אפגעבן באזונדער, ווייל די אלע אנדערע ארבעטער האבן נאר געטון פאר מיר אביסל ארבעט, און איך געב זיי יעצט א קליינעם באלוינונג, אבער מיט דיר האב איך נאך א גרויסן חשבון וואס איך וועל דיר באצאלן.

מיט דעם אויבנדערמאנטן משל האבן די הייליגע חכמינו ז"ל צוגעגליכן דעם באלוינונג וואס דער אויבערשטער וועט באלוינען אידישע קינדער לעתיד לבוא, ווייל אויף דער וועלט טוען אידישע קינדער פארלאנגען זייער שכר פונעם אויבערשטן, און דער אויבערשטער ענטפערט זיי: בָּנַי, מיינע קינדער – די אומות העולם האבן געטון פאר מיר אביסל ארבעט, און איך באצאל זיי א קליינעם באלוינונג, אבער מיט אייך האב איך א גרויסן חשבון, און איך וועל אייך גאר גוט באלוינען דערפאר.

מיט אט דעם משל ערקלערן די הייליגע חז"ל די ברכה וואס די תורה הקדושה זאגט אין אונזער פרשה, "וּפָנִיתִי אֲלֵיכֶם", וואס דער אויבערשטער זאגט צו אידישע קינדער – איך וועל זיך נאך באפרייען פון אלע מיינע געשעפטן מיט די פעלקער, כדי צו באצאלן אייער באלוינונג.

די ווערטער זענען א געוואלדיגער חיזוק פארן אידישן פאלק, וואס מיר זעען ווי די אומות העולם, טראצדעם וואס מערסטנס פון זייערע מעשים זענען נישט ארנטליך, פונדעסטוועגן זענען זיי זוכה צו אלע תענוגי עולם הזה, און מיר וואס מיר זענען באפוילן געווארן צו טון דעם רצון פונעם באשעפער, און אלע אונזערע מעשים זענען לויט די תורה פון השי"ת, און פונדעסטוועגן געפינט מען זיך בשפל המצב אינעם ביטערן גלות – זו תורה וזו שכרה?

דער אמת איז אבער, אז דאס גאנצע גוטס וואס די פעלקער האבן, איז נישט מער ווי 'שכר מועט', א קליינעם באלוינונג. פאר זייערע ביסל מעשים טובים, מאכט מען א לייכטע און שנעלע חשבון, און מען באצאלט זיי דערפאר א קליינעם באצאלונג, און דעריבער איז טאקע מעגליך אז זיי זאלן באצאלט ווערן נאך אויף דער וועלט. אנדערש איז אבער מיטן אידישן פאלק, וועמענס באלוינונג איז זייער גרויס און שטארק, און דערפאר איז נישט מעגליך צו באצאלן דערויף אויף דער וועלט, אזוי ווי חכמינו ז"ל האבן געזאגט 'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא', און די ספרים הקדושים זענען מסביר אז דערמיט האבן זיי געמיינט צו זאגן אז דער גאנצער וועלט איז נישט ווערד אפילו ווי דער שכר פון אן איינציגע מצוה, און דעריבער דארפן מירווארטן ביז אונזער נשמה וועט דערהויבן ווערן און אריינגיין אינעם בית גנזיו פון דער מלך העולם, און דארט אינעם קעניגליכן אוצר וועט מען קענען באצאלט ווערן מיטן רַב טוֹב הַצָּפוּן.

(עפ"י טיב התורה - בחוקותי)

## טיב ההודעות

**מען קען הערן שמועס'ן און דרשות**
**פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער**
**אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320**

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

צייטן פון די בית המקדש צוזעענדיג ווי אזוי מען גייט מקריב זיין דעם קרבן פסח. דער גוי שילדערט אז די אחדות איז אויסטערליש גרויס, אז עס איז נישט דא אזא זאך ווי אז איינער זאל שטופן א איד אהין אדער אהער, אדער גיין ווייטער, נאר אלע אינאיינעם, יונג און אלט, חשוב און נישט חשוב, שטייען איניג אין די רייע צו קענען מקריב זיין די קרבן פסח.

דער גוי דערציילט אז דאס האט אים זייער באוואונדערט. ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און פארגעלייגט די שאלה פאר די כהנים אויפ'ן ארט. דער גוי האט גע'טענה'ט אז אזא ווירטשאפט פאסט זיך נישט. עס קומט נישט אזוי אז א בן מלך זאל שטיין אין די רייע אינאיינעם מיט א פשוטער איד.

די כהנים האבן אים געענטפערט אז ווען מען שטעלט זיך פאר'ן באשעפער זענען אלע איניג, ווייל אפילו אז אויף די וועלט איז דא חילוקים, אבער ווען עס קומט פאר'ן קעניג זענען אלע גלייך, ווייל אין הימל קוקט מען אויף די נשמה פון א איד.

דער דערהער איז א גרויסער חיזוק פאר א איד. ווען א מענטש מאכט אן אויפריכטיגע חשבון הנפש און ער טראכט אריין וואו ער האלט אויף די וועלט און וויפיל ער האט שוין יידער פוגם געווען קען ער ווערן זייער געפאלן ביי זיך, אבער דאס איז א טעות, ווייל די נשמה פון א מענטש בלייבט אייביג ריין און אז מען לייטערט זיך אויס קען מען זוכה זיין דערצו און זיך רייניגן ווי אמאל.

בשם דער צדיק רבי נחמן ברסלב'ער זי"ע זאגט מען נאך אז ער האט געזאגט אויף זיך אז אויך אויב ער וואלט חלילה נכשל געווארן אין אלע עבירות חמורות און ער וואלט זיך צוריקגעכאפט – וואלט עס אים נישט אפגעהאלטן פון משיג זיין די אלע השגות וואס ער האט משיג געווען שפעטער.

עס מיינט נישט אז מען קען זינדיגן און עס געשעט נישט גארנישט, אבער עס זאגט יא אז אויך דער וואס איז דורכגעפאלן און די חטאים האבן אים דערווייטערט פון דעם ריכטיגן וועג זאל ער נישט ווערן געפאלן ביי זיך, נאר בלייבן שטארק און גלייבן אז ער קען נאך צוריקקומען.

די נקודה זעט מען אויך אין די פרשה די וואך. ווען די תורה רעדט פון די ווערד פון א מענטש מאכט ער נישט קיין חילוק צי דער מענטש האט געזינדיגט אדער נישט, צי ער איז א בעל עבירה, אדער א בעל תשובה, ווייל ביי הקב"ה איז א איד א אייביג ווערד די זעלבע.

ווען א איד וועט אריינעמען די נקודה שטארק אין זיין קאפ אריין וועט ער נישט ווערן געפאלן ביי זיך. אדרבה, די זאך וועט אים מחזק זיין. עס וועט געשען ביי אים די פארקערטע. ער וועט זיך איילן צו טון תשובה, וויסנדיג אז זיין ווערד בלייבט אלעמאל די זעלבע ביי הקב"ה.

איך האב אינזינען געהאט אז עס קען זיין אז די זעלבע זאך זעט מען אויך אין מירון. די וואך איז דאך געווען ל"ג בעומר. אויך אין מירון איז דא די בחינה וואו עס שטיין יונג און אלט און מען טאנצט כאיש אחד ובלב אחד, א מעין פון וואס עס איז געווען אין בית המקדש און ווי דער זוה"ק זאגט שוין מאן פני האדון ד' דא רשב"י און וועגן דעם איז דא דארט די זעלבע הארה ווי עס איז געווען אין בית המקדש.

זאל מען שוין געהאלפן ווערן און זוכה זיין צו די בחינה און אז משיח זאל נתגלה ווערן בקרוב ובמהרה.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# דער אראבער שיקט א מעסעדזש

איך שיק דא אריין מיינע שורות. איך בין א בעל תשובה און כ'האלט נאך אינמיטן צוריקקומען און האפנטליך וועל איך האבן כח צו ווערן א פולשטענדיגער בעל תשובה.

די מעשה וואס איך גיי דא שילדערן האט מיר געגעבן אסאך כח, עס האט מיר געגעבן א סיגנאל פון הימל אז אייביג וויל מען אז א איד זאל צוריקקומען אפגעזען ווי אזוי ער זעט אויס.

איך בין איינגעשטעלט אין א פאבריק. מיט מיר אין די פאבריק האט געארבעט אראבער, ווי עס איז דער שטייגער אין אלע פאבריקן אין ארץ ישראל.

מיט די יארן האב איך אנגעהויבן אנטון א קאפל אבער איך האב נישט געקענט פועל'ן צו גיין מיט ציצית. אין א טאג האב איך געהערט א שיעור איבער די גרויסקייט פון ציצית. עס האט מיר זייער אנגעווארעמט צו גיין מיט דעם, אבער איך האב נישט געהאט די קוראזש צו מאכן אזא שריט.

אויך ווען איך האב שוין געהאלטן דערביי האב איך באמערקט אז איך גיי מיט א גאלדענע קייטל. איך האב געטראכט צו מיר אז דיביידע גייען נישט אינאיינעם. אדער גייט מען מיט א גאלדענע קייטל אדער מיט ציצית.

טראכטנדיג אזוי אויף וועלכע איך גיי אויפגעבן קומט דער אראבער צו מיר און ווייזט מיר אויף די קייטעל.

"ביי ענק אידן מעג מען גיין מיט א קייטל? עס איז דאך א ווייבערישע זאך"!

ער האט געהאט א טענה. זיינע ווערטער איז מיר אריין אין די ביינער. צומארגענס בין איך געקומען צו די ארבעט אן א קייטל. אז איך האב שוין נישט קיין קייטל קען איך דאך שוין גיין מיט ציצית. איך האב זיך אנגעטון ציצית און איך בין ארויס פון דעם אין גאס.

דער אנטון ציצית פאר מיר איז געווען א שווערע איבערלעבעניש. איך האב עס אנגעטון אויף פסח און נאך פסח האב איך אנגעהויבן טראכטן אז אפשר זאל איך עס אויסטון, איך האב געבעטן השי"ת ער זאל מיר געבן א סימן צי איך דארף זיך שטארקן אין די געביט.

נאך פסח בין איך געווען אויפ'ן וועג צו די ארבעט. איך קום אן צו די ארבעט און כ'הער ווי מיין באס שרייט אויף די אראבער אז ער זאל אוועקגיין פון דא. ער האט אים פארשיקט פון די ארבעט. איך האב דאן פארשטאנען אז די גאנצע סיבה פארוואס הקב"ה האט אים אהערגעשיקט איז געווען אז איך זאל זיך דערהערן די געדאנק אז איך דארף אויסטון די קייטל און אנטון ציצית.

פאר מיר איז עס געווען א רמז און איך האב זיך געשטארקט אין איר אויף אייביג.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.ג.]




...רטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

ווי באקאנט, האט דער **אור החיים הקדוש** מפרש געווען דעם פסוק אויף **צוויי און פערציג** וועגן, און אינעם איין און דרייסיגסטן מהלך, ערקלערט ער דעם פסוק לויט ווי עס שטייט אין תהלים (עב, ה) ׳יִירָאוּךָ עִם שָׁמֶשׁ׳, און חכמינו ז״ל האבן געזאגט, אז דער צייט ווען אלע באשעפענישן דינען דעם אויבערשטן איז אינדערצייט וואס דער זון קומט ארויף אינדערפרי, וואס דעמאלטס איז דער צייט פון תפלת שחרית, און אינדערצייט וואס דער זון גייט אונטער וכו׳ (זע ברכות כט:). דאס זאגט דער פסוק **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ**, אזוי ווי עס שטייט אין תהלים (נה, טו) ׳בְּבֵית אֱלֹהִים נְהַלֵּךְ בְּרָגֶשׁ׳. און דאס וואס דער פסוק זאגט ווייטער **וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ**, דאס איז מרמז אויף דאס וואס חכמינו ז״ל זאגן (שם לב:) אז די חסידים הראשונים האבן געווארט איין שעה פארן דאווענען, און גדאווענט א שעה, און נאכן דאווענען האבן זיי זיך אויפגעהאלטן נאך א שעה, און אנטקעגן זיי זאגט דער פסוק ואת מצוותי תשמרו.

און דאס וואס דער פסוק זאגט **׳וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם׳**, דאס מיינט אז דערמיט וועלן זיי מתקן זיין די באלייכטונגען, ווייל דורך די מעשים פון די מענטשן אויף דער וועלט, אויב זיי גייען אויף א וועג וואס איז נישט גוט, ווערן די באלייכטונגען געשלאגן (זע סוכה כט.). ביז אהער פונעם **אור החיים הקדוש**.

פון זיינע הייליגע ווערטער, לערנען מיר דעם **סדר עבודת התפילה**, וואס דאס איז עפעס וואס אלע באשעפענישן דארפן האבן. **״בחוקותי תלכו״**, אלע **חוקות השמים והארץ** [ווי ערקלערט פריער] האבן א צייט פון דינען דעם אויבערשטן און דאווענען, אינדערפרי ווען דער מארגנשטערן גייט ארויף, און איידער די לבנה קומט ארויס, ווען די זון גייט אונטער, און דאס איז זייער טאג-טעגליכער סדר. און דערמיט **׳תלכו׳** וועט איר גיין אין שול אריין, ווייל צום אויבערשטנ׳ס הויז גייט מען מיט א ציטערניש!

און מיט די ריכטיגע הכנה, מיט א האפענונג און א השתוקקות צום דאווענען, אזוי ווי דער אור החיים הקדוש ערקלערט די ווערטער **׳מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ׳** – זאלט איר האפן דערצו [א לשון ׳וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר׳ (בראשית לז, יא)], אזוי ווי דאס וואס ער ברענגט פון די חסידים הראשונים וועלכע האבן געווארט א גאנצע שעה פארן דאווענען און אויך א גאנצע שעה נאכן דאווענען, מיט א השתוקקות פון **קִרְבַת אֱלֹקִים לִי טוֹב**.

און דורכדעם **״וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם״** – וועט איר מאכן די חוקות שמים וארץ און אלע באשעפענישן וואס מען האט דערמאנט פריער, ווייל דורך אונזערע תפילות וואס מיר דאווענען דא אונטן, איז דא אַן ׳עֲשִׂיָּה׳ און א ׳תיקון׳ פאר אלע באלייכטונגען פונעם הימל, אז זיי זאלן חלילה נישט געשלאגן ווערן. – ווייל אונזער תפילה געבט אריין שפייז, עקזיסטענץ און לעבהאפט פאר אלע באשעפענישן, פון אויבן און פון אונטן, און זענען מחבר און מקשר דעם באשעפעניש צו זיין באשעפער, **אמן**.

->•<-

עס האט מיר דערציילט א באגלייבטער איד, וועלכער האט זוכה געווען זיך צו מסתופף זיין בְּצִלּוֹ הַגָּדוֹל פונעם הייליגן **חזון איש זצוק״ל**, און איז געווען פון די אפטע ארייננגייער ביי אים, איבער עטליכע ענינים וואס ער האט זוכה געווען צו לערנען ביי אים בְּשִׁמּוּשָׁהּ שֶׁל תּוֹרָה, וואס איז יוֹתֵר מִלִּמּוּדָהּ (זע ברכות ז:).

וויבאלד ער האט זוכה געווען צו א ספעציעלן התקרבות ביי אים, האט ער אפטמאל זוכה געווען צו זיין א טייל פונעם ספעציעלן ׳מנין׳ וואס איז פארגעקומען טעגליך אינעם הויז פונעם הייליגן חזון איש.

## ״אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ, וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ, וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם״ (כו, ג).

כידוע, איז ביים הויז פונעם הייליגן חזון איש, געווען א גרויסע פאַרצימער, וואס האט געדינט אלס דער **׳בית הכנסת׳ פונעם חזון איש**. [ביתו נאוה קודש פונעם הייליגן חזון איש שטייט נאך היינט אזוי ווי עס איז געווען, אין צענטער פונעם חזון איש גאס אין **בני ברק יצ״ו**, און נאך זיין פטירה האט מען דארט געגרינדעט א גרויסן **תלמוד תורה תשב״ר**, וואס ווערט געפירט על טהרת הקודש, לעילוי נשמתו הטהורה. און אין אט די צימערן וואס האבן געדינט דעם וואונדערליכן צדיק פאר תורה ותפילה, האט מען אריינגעשטעלט די קלענערע כיתות פון די לויטערע און תמימות׳דיגע לעכטיגע אידישע קינדערלעך, וואס דארט הייבן זיי אן לערנען דעם חומש ויקרא, און ביים ליינען די הייליגע אותיות פונעם א׳ ב׳, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש תנחומא (צַו, יד): ״יָבוֹאוּ טְהוֹרִים, וְיִתְעַסְּקוּ בְּמַעֲשֵׂה טְהוֹרִים״ – בִּמְקוֹמָם שֶׁל טְהוֹרִים].

וויבאלד אונזער חשוב׳ער דערציילער איז געווען ווי א ׳בן בית׳ ביים הייליגן חזון איש, האט ער אליין זוכה געווען אסאך מאל צו נעמען א טייל אין אט דעם ספעציעלן ׳מנין׳, וועלכע האבן זוכה געווען צו דאווענען במחיצתו פונעם גדול הדור. און אזוי רעדנדיג האט ער איבערגעגעבן אסאך **הלכתא גברוותא** וואס מען קען זיך לערנען פונעם סדר התפילה פונעם אי״ש אלקים קדוש [אזוי ווי מיר לערנען ארויס אין די גמרא אינעם פינפטן פרק פון מסכת **ברכות** (לא.) פילע **הלכתא גברוותא** פונעם ספר פון ׳תפילת חנה׳].

איינס פון די ענינים וואס דער חשוב׳ער איד האט דערציילט, איז געווען איבערן צורה פונעם **׳תפילת שמונה עשרה׳** פון דער הייליגער חזון איש. דער אופן וויאזוי ער איז געשטאנען ביים דאווענען איז געווען מיט א געוואלדיגן ציטער, ווען א יִרְאָה עִילָּאָה שוועבט אויף זיין געזיכט. מיטן דין פון **׳עומד לפני המלך׳**, וואס **הגר״ח זצללה״ה** (פ״ד מהל׳ תפילה ה״א) איז מחדש אז דאס איז א כוונה וואס איז לעיכובא ביים גאנצן תפילת שמונה עשרה, וויבאלד עס איז א טייל פונם עֶצֶם מַעֲשֵׂה הַתְּפִלָּה, עיין שם. – און אזוי איז דער הייליגער חזון איש געשטאנען א לאנגע צייט ביי שמונה עשרה, מיט א געוואלדיגער קאנצענטרירונג, ביז ער האט געענדיגט דאווענען, טְהוֹר לֵב פָּסַע לַאֲחוֹרָיו, און דער הייליגער צדיק האט אויסגעטראטן דריי טריט אזוי ווי די הלכה.

און דער חשוב׳ער איד האט מעיד געווען, אז אסאך מאל ווען דער הייליגער חזון איש האט אויסגעטראטן די דריי טריט נאך שמונה עשרה, פלעג ער פשוט אריינפאלן אין זיין בענקל, זייענדיג נאנט צו **חלשות** פון גרויס אנשטרענגונג מיט כוונה און קאנצענטרירונג אין זיין געהויבענע תפילה. – ווי עס איז באקאנט זיין דרכו בקודש אין תורה און עבודה מיט א געוואלדיגע מסירות נפש ביז אלע זיינע חושים זענען כמעט פאר׳חלש׳ט געווארן. נאר נאכדעם וואס דער הייליגער צדיק האט גענומען אביסל רו און איז אביסל צו זיך געקומען, האט מען געקענט אנהייבן מיטן חזרת הש״ץ.

**אזוי דינט מען דעם אויבערשטן מיט א סדר ״עבודת התפילה״ מיט אלע רמ״ח איברים ושס״ה גידים! בבחינת ״כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה״! (תהלים לה, י). – ווייל דאס דאווענען איז איבערהויפט נישט קיין פשוט׳ע עבודה, ווען מען דארף זיך שטעלן פארן מלך מלכי המלכים, בכבודו ובעצמו, און מען דארף זיך מתייגע זיין בְּכָל לֵב וְנֶפֶשׁ אין די כוונת התפילה.**

אין א געלעגנהייט האט מיר מורנו **הגה״צ רבי זונדל זצוק״ל** געזאגט, בשם **מרן החזון אי״ש זצוק״ל**, אז זיין יגיעת התפילה איז געווען מער ווי זיין יגיעת התורה!

**לאמיר זען דערפון עַד הֵיכָן הַדְּבָרִים מַגִּיעִים, ווייל מִי לָנוּ גָּדוֹל פון די יגיעת התורה פון דער הייליגער חזון איש!!! – און טראצדעם איז זיין יגיעת התפילה געווען נאך גרעסער דערפון!**

[קונטרס ׳טיב המעשה׳, ח״א דף נ״ט]

->•<-

דרכו בקודש פון מורינו ורבינו הגדול, מְחוּתָּנִי **הרה״ג רבי זונדל קרויזער זצוק״ל**, בעל **אור החמה**, איז געווען, אז ער פלעגט קומען צו מיר אינדערהיים אינמיטן טאג, וואו מיר האבן געלערנט צוזאמען, אבדל לחיים טובים, בחברותא. **העכער דרייסיג יאר ברציפות, איז אט די חברותא פארגעקומען טאג-טעגליך**, ווען מיר האבן צוזאמען, מיטן אויבערשטנ׳ס הילף, זוכה געווען צו מסיים זיין אסאך מסכתות און פארשידענע ענינים.

איז געווען אמאל א תקופה, וואס א געוויסער בחור איז ליידער געווארן א ׳נושר׳, ער האט ליידער פארלאזט די ישיבה און אויך די הויז פון זיינע עלטערן, און אפילו דאס גאנצע חרד׳ישע לעבנס-שטייגער, און אראפגענומען פון זיך דעם עול תורה ויראת שמים, רחמנא ליצלן. נאר וואס דען? קיין עסן איז נישטא אין גאס... און וויבאלד ער האט א קשר מיט מיר, האב איך אים מציע געווען אז ער זאל ארויפקומען ביי מיר אין שטוב צו עסן מיטאג. ער האט זיך זייער געפריידט אויפן פאָרשלאַג [הצעה], און אזוי האט ער זיך צוגעוואוינט אז ער איז יעדן טאג ארויפגעקומען ביי מיר אינדערהיים, און געגעסן א זעטיגע און ווארימע מאלצייט.

אין יענע תקופה, האב איך גארנישט גערעדט מיטן בחור וועגן עניני רוחניות, אזוי ווי אונזערע הייליגע רבותינו זכרונם לברכה האבן אונז געלערנט (יבמות סה:) אז ״כְּשֵׁם שֶׁמִּצְוָה עַל אָדָם לוֹמַר דָּבָר הַנִּשְׁמָע, כָּךְ מִצְוָה עַל אָדָם שֶׁלֹּא לוֹמַר דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע״... – נאר וואס דען? דער בחור אליין האט זיך געפילט אביסל אומבאקוועם, אזוי צו קומען יעדן טאג נאר צו עסן, נאכדעם וואס ער האט אוועקגעשטויסן יעדער זאך וואס ביי א איד איז הייליג און טייער, און דעריבער האט ער שוין אויך געבעטן אז ער וויל **תפילין**, כדי עס צו לייגן פאר עטליכע מינוט... און אזוי האבן מיר זיך צוגעוואוינט צו א טאג-טעגליכער באזוך פונעם טייערן בחור, ווען נאכן עסן זיין מאלצייט, האט ער געלייגט תפילין און גדאווענט פאר עטליכע מינוט, און דערנאך איז ער זיך ווייטער געגאנגען זיין וועג.

איין טאג, איז דער בחור אנגעקומען ווען איך בין געזעצן מיט רבי זונדל און מיר האבן געהאלטן אינמיטן לערנען. דער בחור האט לייכט אנגעקלאפט אינעם טיר, און ווען עס האט זיך געעפנט, איז דער בחור אביסל דערציטערט געווארן זעענדיג די הייליגע צורה און הדרת פנים פונעם ליכטיגן געשטאלט פון רבי זונדל ווי ער איז עוסק אין די הייליגע תורה. ער איז געגאנגען מיט עטליכע טריט אויף צוריק, און מיט גרויס בושה און קווענקלניש האט ער געבעטן פון מיר די תפילין. איך האב זיך גלייך אויפגעשטעלט פון פלאץ, און אים דערלאנגט די תפילין. דער בחור האט גענומען די תפילין, און איז ארויסגעגאנגען דערמיט צום דרויסנדיגן צימער, וואו ער האט עס געלייגט און גדאווענט זיין תפילה ווי

המשך אין עמוד ד׳

זיין שטייגער, און דערוויל האבן מיר ווייטער געלערנט.

עס האט נישט גענומען מער ווי עטליכע מינוט, און דער בחור האט זיך נאכאמאל באוויזן אויפן שוועל – צוריקגעגעבן די תפילין, און זיך גלייך געזעצט עסן דעם געשמאקן מאלצייט וואס די רעבעצן האט אים צוגעגרייט מיט ווארימקייט און זארג פאר זיין צוקונפט.

רבי זונדל, וועלכער איז געזעצן פון דער זייט און צוגעקוקט זיין גאנצע התנהגות, ווי ער זעצט זיך רואיג און מיט חשק צו עסן זיין גאנצן מאלצייט, איין פארציע נאכן צווייטן מיט געדולד, פארקערט ווי די יאגעניש מיט וואס ער האט געדאווענט... איז געבליבן ערשטוינט, און מיט זיין איידעלן שמייכל וואס איז צוגאסן אויף זיין הייליג געזיכט, האט ער צוגערופן דעם בחור, און אים געפרעגט אין קורצן כדרכו בקודש: **"געדאווענט אזוי שנעל, און געגעסן אזוי לאנג"?...** לכל הפחות מאך עפעס א פארגלייך צווישן זיי, אז ביידע זאלן געדויערן די זעלבע צייט!...

די געציילטע ווערטער וואס האבן ארויסגעשפאלטן פון א לויטער און פלאקערדיגע הארץ, האבן געמאכט א געוואלדיגן רושם אינעם הארץ פונעם בחור. ער האט זיך איבערהויפט נישט געראכטן אז ער וועט זיך באגעגענען מיטן צדיק, ער האט נאר געוואלט זיך ארייינגליטשן אין הויז, און 'כאפן' א מצות תפילין, עסן און גיין ווייטער זיין וועג... נאר זיין פלוצימדיגע באגעגעניש, זעענדיג דעם הייליגן צדיק פאר אים מיט זיין גאנצן פראכט, און די געציילטע ווערטער וואס ער האט זוכה געווען צו הערן פון זיין הייליג מויל, האבן דורכגעדרינגען די טיפענישן פון זיין הארץ און זיין זעל.

פארזעצנדיג דערנאך מיט זיינע געשעפטן און ענינים, האט ער געשפירט ווי ער איז זייער באגייסטערט, און די ווערטער פונעם צדיק האבן אים נישט געלאזט קיין מנוחה. ער האט אנגעהויבן מאכן א חשבון הנפש, וויאזוי זעט אויס זיין עסן אנטקעגן זיין דאווענען... וויפיל צייט זיצט ער זיך אזוי געשמאק און האט הנאה פונעם עסן...

ווי גערעכט איז דאך דער צדיק, האט דער בחור געטראכט צו זיך. ער האט געמאכט ביי זיך א גרונטליכן חשבון, און האט געזען בערך ווילאנג עס נעמט אים צו עסן, און פון יענער טאג און ווייטער האט ער אנגעהויבן צו דאווענען לענגער, אזוי לאנג ווי עס האט אים געדויערט צו עסן – לויט ווי דער צדיק האט אים באפוילן.

און וויבאלד ער האט געדארפט געבן מער צייט פאר זיין דאווענען, האט ער זיך אוועקגעזעצט רואיג יעדן טאג ביים טיש, און אנשטאט 'אפכאפן' דעם דאווענען אזוי ווי ביז יעצט, האט ער אנגעהויבן נעמען א **סידור** אין האנט און דאווענען דערין **מלה במלה**.

אין אנהייב איז עס אים אנגעקומען זייער שווער, ער האט נישט געפילט קיין שייכות מיט די ווערטער פונעם דאווענען, אבער מיט געוואלד האט ער זיך געצוואונגען נישט צו אפלאזן דעם סידור ביז ער האט געענדיגט דאווענען... – עס האט אבער נישט געדויערט לאנג, און ער האט אנגעהויבן פילן דעם 'טעם' פון דאווענען, פון הימל האט מען רחמנות געהאט אויף אים, אין זכות פונעם צדיק וועלכער האט אנגעצינדן אין אים דעם פונק פונעם דאווענען, און ער האט אנגעהויבן מער און מער צו שפירן א זיסקייט אינעם דאווענען.

ער האט נישט באמערקט ווי צוביסלעך האט ער אנגעהויבן מער און מער מאריך צו זיין אינעם דאווענען, זיינע געפילן האבן זיך געשטארקט אלס מער, און זיין זעל און הארץ האבן זיך אויסגעגאסן פארן אויבערשטן, און נאך א שטיק צייט האבן זיך אלע פראבלעמען פון זיין נפש וואונדערליך סארטירט. ער האט זיך געהויבן פונעם בלאטע אין וועלכע ער איז געווען פארזינקען, זייענדיג טיף פארשוועמט אין די הבלי העולם הזה, און ער האט אנגעהויבן אנטפלעקן ביי זיך א געוואלדיגער טעם און חשק זיך צו דערנענטערן צום באשעפער, און זיין דאווענען איז געווארן מיט אלס מער דביקות און כוונה. אלס רעזולטאט דערפון האט ער אנגעהויבן אויך צו לערנען יעדן טאג, און זיין הארץ האט זיך געעפנט, זיך צו באהעפטן מיט זיין נפש און נשמה, דורך די ליכטיגקייט פון תורה און תפילה, ביז ער איז געווארן א פולשטענדיגער בעל תשובה, און מיט דער צייט איז ער פארוואנדלט געווארן אין א חשוב'ער תלמיד חכם און גרויסער ירא שמים!

ווען איך האב אים לעצטנס באגעגנט, האט ער מיר נאכאמאל דערמאנט די מעשה, ערקלערנדיג אז דאס שארפע מוסר וואס רבי זונדל האט אים גע'מוסר'ט, זאגנדיג **"געדאווענט אזוי שנעל, און געגעסן אזוי לאנג"** – דאס האט אים צוריקגעברענגט בתשובה שלימה. און ער האט צוגעלייגט, אז אט די ווערטער טוט ער שטענדיג האלטן אין זכרון, און יעדן מאל וואס ער וויל דאווענען אביסל שנעלער, דערמאנט ער זיך די מוסר-רייד פון רבי זונדל איבער דאס דאווענען שנעל, ווערטער וואס האבן אים צוגעברענגט צו ווערן א פולשטענדיגער בעל תשובה, אין **זכות פונעם כח התפילה!**

**אגב אורחא, לערנען מיר ארויס פון דא נאך א כח אין מוסר, וויפיל כח עס איז דא אין עטליכע געציילטע ווערטער, וואס ווערן געזאגט מיט אמת און תמימות, אז זיי זענען אימשטאנד צו איבערדרייען א מענטש און אים מאכן פאר א פולשטענדיגער בעל תשובה!**

**[מתוך שיחה מיוחדת לכבוד יא"צ רבינו הגדול, רבי זונדל זצוק"ל, ח' אייר תשע"ו]**

->•<-

אין איינע פון די חשוב'ע קהילות אין ארץ הקודש, איז פארגעקומען אן '**עצרת**' חיזוק וועגן תפילה, וואס איז דאך איינס פון די זאכן וואס די הייליגע גמרא זאגט (ברכות לב:) אז עס דארף אלעמאל האבן חיזוק, און מען האט מיר געבעטן אז איך זאל דארט קומען רעדן חיזוק ווערטער צו מחזק זיין דער ענין פון דאווענען.

צווישן די ווערטער, האב איך מעורר געווען וועגן דאס קומען שפעט צום דאווענען, אז דאס איז א זלזול אין די עבודת התפילה. און ווער עס וויל אמת'דיג זוכה זיין צום קרבת אלקים וואס איז דא ביים דאווענען, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית ל, ח) "נפתולי אלקים נפתלתי", און דער **תרגום אונקלוס** טייטשט: "קביל ד' בעותי, באתחננותי בצלותי" [זע רש"י דארט אויפן פלאץ], דער טוט שטארק מחשיב זיין און שעצן דעם דאווענען, און קומט נישט שפעט צום דאווענען.

ווי דער וועלט זאגט, אז אויב דער טאטע קומט אן אין בית המדרש צו 'ברוך שאמר', קומט דער זון צו 'ויברך דוד', און דער אייניקל קומט שוין אן צו 'נשמת'...

פילע און חשוב'ע אידן בעטן און פארלאנגען היינטיגע צייטן אלע ערליי 'סגולות' פאר א ישועה, אזוי ווי מען קען נאכאנאנד זען פארשידענע צעטלעך, ווי: 'כ'האב גזאגט פרק שירה און איך בין געהאלפן געווארן', 'איך האב מנדב געווען פאר דעם און דעם און איך האב געזען א ישועה', 'געדאווענט פערציג טעג נאכאנאנד ביים כותל און באקומען א ישועה', און נאך און נאך כהנה וכהנה...

אויב אזוי, וואס איז דען נישט גוט מיט די סגולה וואס **די הייליגע גמרא** לייגט אראפ פאר אונז אין מסכת **ברכות** (מז:) אז **רבי יהושע בן לוי** האט געזאגט, אז שטענדיג זאל א מענטש אויפשטיין פרי צו קומען אין שול, כדי ער זאל זוכה זיין און גערעכנט ווערן צווישן די **עשרה ראשונים**, די ערשטע צען וואס קומען אן אין שול, ווייל אפילו אויב הונדערט מענטשן קומען נאך אים, **באקומט ער שכר אנטקעגן זיי אלע**, עיין שם. און עס ווערט גע'פסק'נט להלכה אין **שולחן ערוך** (או"ח סי' צ' סי"ד).

אין אט די קהילה, איז דא א '**ישיבה קטנה**', און אויך די תלמידים פון די ישיבה זענען אראפגעקומען צום צענטראלן בית המדרש זיך צו באטייליגן ביי דעם גרויסן עצרת. ווען איך האב געענדיגט מיין דרשה, איז דער משגיח פון די ישיבה, וועלכער איז זייער באגייסטערט געווארן פון די ווערטער, צוגעקומען און האט אויסגערופן אז אין ליכט פון די דברי התעוררות וואס זענען דא געהערט געווארן וועגן נישט שפעטיגן צום דאווענען, וויל ער יעצט דערקלערן א ספעציעלן חיזוק אינעם קומען צום דאווענען באצייטנס אין די ישיבה, און ווער פון די בחורים וואס וועט זיין פון די עשרה ראשונים צו תפילת שחרית, וועט יעדער איינער פון זיי באקומען **פופציג דאלער!!!**

און דא האב איך פלוצלונג געהערט, ווי א איד וואס איז געשטאנען נעבן מיר, האט זיך אנגערופן צו זיין יונגל: א שאד אז מיר זענען נישט קיין בחורים אין די ישיבה, ווייל אויב וואלטן מיר געווען תלמידים דארט אין ישיבה, וואלטן מיר צוזאמען געקענט פארדינען יעדן טאג **הונדערט דאלער!**

נאכדעם וואס די עצרת האט זיך געענדיגט, האב איך גערופן דעם טאטן אין א זייט, און איך האב אים געזאגט אז איך האב געהערט וואס ער האט געזאגט צו זיין זון, און איך האב אים ערקלערט אז מיט אט די ווערטער טוט ער חרוב מאכן דעם חינוך פון די קינדער! וויבאלד פון זיינע ווערטער האט זיין קינד פארשטאנען אז פאר **הונדערט דאלער** לוינט זיך צו זיין פון די עשרה ראשונים, אבער כדי צו מקיים זיין א קלארע הלכה אין שולחן ערוך, אויף וועלכע מען איז פארזיכערט אז **נוטל שכר כנגד כולם**, אזוי ווי זיין קינד האט דאך יעצט געהערט ביי די דרשה, דארף מען נישט קומען פרי צום דאווענען... דערמיט האט דער קינד באקומען א חינוך אז אביסל געלט איז חלילה מער חשוב ווי דער פסק פונעם שולחן ערוך.

**ווי שטארק דארף מען אכטונג געבן אויף דאס וואס מען רעדט מיט די ליכטיגע קינדערלעך, און אויב ווילסטו אריינווארצלען אין דיין קינד יראת שמים, זאל מען אכטונג געבן נישט חלילה צו מזלזל זיין אין די ווערטער פונעם שולחן ערוך, נאר פונקט פארקערט, מחנך זיין די קינדער שטארק מורא צו האבן פון יעדן פסק הלכה פון דער הייליגער שולחן ערוך!**

[פרטיות קובץ מס' 1]


# על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרה"ח רבי משה רייך זצ"ל בן הר"ר שמואל רפאל זצ"ל נלב"ע י"ז אייר תנצב"ה

לע"נ רבי שבתי זצ"ל בן הגה"ק רבי גמליאל הכהן זצ"ל נלב"ע ח' שבט תשל"ו תנצב"ה

לעילוי נשמת איש החסד הרב פנחס גרשון ב"ר אברהם זצ"ל לנבנרג נלב"ע ט' אייר תשע"ז תנצב"ה

לע"נ הרב יחיאל מאיר ז"ל בן הרב אברהם עקשטיין ז"ל נלב"ע י"ב טבת תשס"ח תנצב"ה

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז


יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

**יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.**

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173